טו. די גמרא זאגט אין יומא אז אברהם אבינו הי' זקן ויושב בישיבה, שנאמר ואבדהם זקן בא בימים, און אזוי אויך די איבעריקע אבות, און אזוי אויך שבט לוי אין מצרים איז לא פסקה תורה מהם, דערפאר האט זיי געזאגט פרעה, לכו לסבלותיכם, צו אייער ארבעט, ניט צו זיין (פרעה'ס) ארבעט, נאר צו זייער ארבעט, זיצן און לערנען תורה.

פרעה האט צו זיי גע'טענה'ט, געוונג אייך אייער חלק אליין, וואס אין שעבוד מצרים זייט איר פריי פון דעס און קענט זיצן און לערנען תורה, נאך וואס דארפט איר זיך מישן וועגן אנדערע אידן, זיי זאלן זיך ניט פירן כפי סדר המדינה וטבע העולם, גענוג אייך וואס איר אליין לערנט תורה.

פרעה איז געווען א חכם גדול, אזוי שטייט אין מדרש וזוהר. אויך בפשוטו ווייס מען אז אין יענע צייטן איז מצרים געווען דער מקור כל החכמות, האט צו זיי פרעה גע'טענה'ט א טענה צודקת לכאורה,



הנחה בלתי מוגה

וויסנדיק אז מצד הטבע דארפן אידן פארבלייבן אין גלות, כמרז"ל דאפילו עבד אינו יכול לברוח משם. ובפרט אז ס'איז געווען די גזירה אויף ארבע מאות שנה, עס איז מער ניט וואס דער אויבערשטער מיהר את הקץ.

במילא האט דאך פרעה גע'טענה'ט א טענה צודקת, וואס גייט איר משנה זיין דעם אויבערשטנס דרכים, לכו לסבלותיכם, גייט לערנען תורה און לאזט אנדערע אידן פירן זיך ווי עס פאדערט זיך מצד דעם מציאות העולם?

זאגט מען אויף דעם, אז הגם לכאורה איז עס א טענה צודקת, איז אבער אויב מען וואלט פאלגן די טענה, וואלט מען פארשפילן ח"ו דעם גאנצן ענין הגאולה. ווי ס'איז ידוע אז די גאולה איז געווען כהרף עין ובחפזון, ווארום אויב עס וואלט געדויערן נאך איין הרף עין, וואלט שוין די גאולה ניט קענען זיין.

ונמצא, אז אויב מען וואלט יעמולט אנגענומען פרעה'ס טענה, וואלטן אידן דארפן בלייבן אין גלות לעד ולעולמי עולמים, און דורך דעם וואס מען האט פרעה'ן ניט געפאלגט, האט מען באקומען די גאולה שלימה.

טז. עס איז פאראן אזוינע וואס טראכטן, איך לערן דאך תורה, איז אני את נפשי הצלתי, און וואס איז מיר נוגע ווי עס פירט זיך א צווייטער איד, צי ער איז מקיים מצות עשה ומצות לא תעשה צי ח"ו ניט.

צי ער גיט אפ זיינע כחות צום אויבערשטן, צי ער גיט אפ צו פרעה מלך מצרים, ער גיט זיי אפ אויף ענינים גשמיים, וואס גשמיות מצד עצמה - אן דעם חיות וואס אין דעם - איז עס פיתום ורעמסס, כדאי' במדרש פיתום מלשון... ורעמסס שנתמסס ונרמס כו',

דארף מען וויסן, אז דאס איז ניט קיין סדר. דאס איז געווען די טענה פון פרעה מלך מצרים, לכו לסבלותיכם, גענוג דיר וואס דו לערנסט תורה, וואס איז דיר נוגע וועגן א צווייטן אידן. וואס שבט לוי האט פרעה'ס טענה ניט אנגענומען.

כשם ווי מען זעהט אז אימעצער ברענט ר"ל אין א פייער, וועט דאך קיינער ניט גיין מיישב זיין זיך, צי איך זאל אים גיין ראטעווען אדער וואס דארף איך זיך מישן אין א צווייטנס געשעפטן, יעדער מענטש איז א מענטש פאר זיך, און וואס דארף איך זיך מישן אין אויבערשטנס דרכים,

איז דאך פשיטא אז יעדער איינער בשעת ער זעהט אזא
צופאל טראכט ער זיך ניט אריין צי דאס איז אויסגעהאלטן לפי
שיטת פב"פ נאר ער נעמט זיך יענעם ראטעווען, הגם עס רעדט
זיך וועגען חיי עוה"ז אליין, איז ק"ו בשעת עס רעדט זיך וועגן
חיי עוה"ב מיט חיי עוה"ז צוזאמען, איז א ודאי אז מען דארף
ניט מאכן קיין חשבונות און גיין ראטעווען יענעם מבאר שחת.

עס איז דאך ואהבת לרעך כמוך זה כלל גדול בתורה. כ"ק
מו"ח אדמו"ר האט אמאל געזאגט, אז אהבת ישראל איז ניט דוקא
אויף א אידן וואס ער איז מיט אים באקאנט, נאר אהבת ישראל
איז אפילו צו א אידן וואס געפינט זיך ערגעץ-בקצוי תבל, דארף
ער אים ליב האבן, און ניט סתם ליב האבן, ליב האבן מיט א הגבלה,
נאר כמוך, אזוי ווי מען האט האלט זיך, וואס דאס איז בלי גבול,
אזוי דארף מען ליב האבן א צווייטן אידן.

- דער רבי האט אמאל דערציילט, אז דער מעזריטשער מגיד
האט געזאגט, אז הלואי וואלט ער קושן די ס"ת מיט אזא אהבה
וחיבה, אזוי ווי דער רבי (רער בעש"ט) האט האלט געהאט א אידן.

און דער רבי האט דערביי מוסיף געווען: אויב דער בעש"ט
זייענדיק בעלמא דין וואלט געוואוסט אויף אזויפיל וואס ער
טוט אויף מיט זיין קירוב צו אידן, אזוי ווי ער ווייס דאס
איצטער, וואלט עס געווען גאר באופן אחר לגמרי -

און דער ואהבת לרעך כמוך דארף זיך אויסדריקן, אז אזוי
ווי כמוך איז דאך בא אים לכו לסבלותיכם, אז ער געפינט זיך
באהלה של תורה ואהלה של מצות, אזוי דארף ער עס פועל'ן אויך
בא א צווייטן אידן,

און וויבאלד אז איך הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו,
איז מען זיכער אז מען האט עס בכח צו אויספירן.

נאר מען דארף וויסן אז מען טאר ניט אפלייגן די ארבעט
אויף א וואך, אויף א טאג אדער אפילו אויף א הרף עין, ווארום
עס קען אמאל זיין אז דער הרף עין איז מחליט צו בלייבן אין
גלות אדער האבן א גאולה שלימה.

יד. און דאס דארפן וויסן די אלע וואס זיינען באהלה של
תורה ותלמידי הישיבות ביחוד און אלע אידן וואס זיינען בקרן
אודה, אז בשעת עס פעלט אין א צווייטן אידן, זאל מען ניט
מיינען אז אני את נפשי הצלתי, נאר מצד דעם וואס אלע אידן
זיינען א קומה שלימה, איז בשעת אז עס פעלט די שלימות אין
תומ"צ בא א צווייטן, פעלט עס בא אלעמען.



<u>הנחה בלתי מוגה</u>

## - שיחת שמחת ביה"ש תשי"ז -

אתם נצבים היום לפני הוי' אלקיכם ראשיכם שבטיכם גו' ביז חוטב עציך ועד שואב מימיך. איז דער סדר בשעת מען שטעלט אויס סאלדאטן אין א פאראד פאר דעם קייסער, איז אויב איינער א סאלדאט האט ניט גוט אויסגעפוצט די קנעפ, מאנט מען ניט בא דעם סאלדאט נאר מען מאנט בא דעם מפקד ראשי, פארוואס האט ער ניט אויסגע'מוסר'ט זיינע סאלדאטן, זיי זאלן וויסן ווי צו שטיין פאר א קייסער.

דאדף מען וויסן, אז בשעת אתם נצבים היום כולכם לפני הוי', מאנט מען ניט בא חוטב עציך ושואב מימיך, נאר דער עיקר מאנט מען בא ראשיכם שבטיכם, און זיי קענען ניט טענה'ן אז זיי זיינען געווען פארנומען מיט זיך,

און וויבאלד אז מען מאנט בא זיי, ואין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו, איז פשיטא אז מען גיט זיי כחות, אז בשעת זיי וועלן טאן אין דעם, וועלן זיי מצליח זיין.